# שיעור בעניני משיח וגאולה

18

## תחיית המתים
## פרק יא – אופנה

### שני אופנים בתחיית המתים

**לקו"ש חי"ח ע' 248**

**והנה אין דעם אופן התחי' (בכלל) געפינט מען צוויי דיעות: א) אַז די תחי' וועט זיין פון עצם לוז וואָס ווערט קיינ־מאָל ניט נפסד[69], און אויף דעם שטייט[70] „יחיו מתיך" און ניט** יברא[71]**, ווייל דער אופן התחי' וועט זיין ניט דורך באַשאַפן אינגאַנצן אַ נייעם גוף, נאָר דער גוף[72] וועט** נבנה **ווערן פון דעם „עצם לוז". ב) ווי עס שטייט אין פדר"א[73]: „איני משתייר מן הגוף אלא כמלא תרווד** רקב **והוא מתערב בעפר הארץ כשאור שהוא מתערב בעיסה כו'".**

### אופן התחי' בפועל

**אגרות קודש ח"ב, אגרת ר'**

אותו הגוף עצמו יקום לתחי' וכמש"נ **יחיו** מתיך, ולא אמר **יברא**. כי עצם אחד נשאר מן הגוף, ובזמן התחי' הקב"ה מרככו בטל התחי', והעצם נעשה כשאור לעיסה וממנו נבנה כל הגוף (זהר ח"ב כח, ב. וראה שם ח"ג קסט, סע"א).

### מקומו של עצם לוז

**אגרות קודש ח"ב, אגרת ר'**

ע"ד עצם זה ומקומו ראה בב"ר (פכ"ח, ג) שהוא בשדרה. יש אומרים שהוא במקום קשר של תפלין (לקוטי נ"ך להאריז"ל שופטים וראה ג"כ לקוטי הש"ס מס' ר"ה). ויש אומרים שהוא עצם התחתון שבשדרה (ערוך מע' לוז. עבודה"ק. אבקת רוכל שם).

## מעלתו של עצם לוז

**לקו"ש חל"ו ע' 75**

**ו. ביאור ענינה של סעודת מלוה מלכה ע"ד הדרוש, יובן בהקדם מ"ש בב"י[47] ד„אבר יש באדם . . ואינו נהנה באכילה אלא במוצאי שבת", שמזה מובן, שיש ענין בסעודת מלוה מלכה שאינו בסעודות שבת, שהרי אבר זה — והוא ה„עצם לוז"[48] — לא נהנה בשום אכילה (גם דסעודות שבת) אלא של מוצאי שבת בלבד.**

ויש לבאר הדברים ע"פ מ"ש באלי' רבה[49] שה„עצם לוז" לא נהנה מעץ הדעת (דכיון ש„אינו[50] נהנה בשום אכילה . . אלא כשיאכל במוצאי שבת", א"כ לא נהנה מאכילת עץ הדעת בערב שבת), ו„לכך אינו נפסד", כי כל ענין המיתה בא בגלל חטא עץ הדעת, שבשביל חטא זה נקנסה מיתה בעולם, אבל ה„עצם לוז" שלא נהנה מעץ הדעת הוא למעלה מענין המיתה, ומעצם זה יבנה הגוף[51] לתחיית המתים.

דלכאורה צ"ע, דכיון שעצם לוז זה הוא למעלה מענין המיתה ואינו צריך לאכו"ש לקיומו, א"כ אמאי נהנה הוא מסעודת מלוה מלכה[52]? ולאידך, אם יש אכו"ש השייכת לעצם זה, למה אינה מאכילת שבת עצמה[53] שמעלתה מיוחדת שהאכילה גופא הוי מצוה, ו„פרש שבתכם לא קאמר"[54], כ"א רק מסעודת מוצאי שבת[55]?

ויש לומר הביאור בזה ע"ד הדרוש: תכלית הכוונה בבריאת עה"ד היא לא רק כדי לנסות את אדם הראשון שלא יאכל ממנו, אלא כדי שהאדם יהפוך את עץ הדעת ויעלה אותו למעלה מענין המיתה. וכמבואר בספרים[56], שאם הי' אדם הראשון ממתין ג' שעות עד יום השבת, הי' אוכל מעץ הדעת ולא הי' ענין של מיתה כלל. והיינו לפי ששבת היא מעין חיי עוה"ב[57], למעלה מגדר מיתה, ואם הי' ממתין באכילת פרי עץ הדעת עד שבת, הי' למעלה מענין המיתה.

**והנה לאחר החטא, כשכבר ישנו ענין המיתה בעולם, הנה אף שישנה השבת שהיא מעין עוה"ב כו', מ"מ, כיון שיום השבת מובדל וקדוש משאר הימים, הרי אין ה„חיים" דשבת נמשכים במקום המיתה גופא, היינו כפי שהאדם חי בעולם של חול (ששם נקנסה עליו מיתה).**

**ויש לומר, שזהו התוכן הפנימי דסעודת מלוה מלכה, תיקון חטא עץ הדעת, כי בסעודה זו ישנו החיבור דשבת וחול, דמחד גיסא ה"ה לאחרי גמר קדושת שבת, אבל לאידך יש בה הברכה (וההמשכה) דיום השבת, שעי"ז נמשך הכח דשבת גם בסעודה של חול[58], כנ"ל באורך.**

**וזהו גם מה שה„עצם לוז" נהנה מסעודת מוצאי שבת דוקא, כי תיקון החטא בפועל הוא הענין דתחיית המתים שאז „בלע[59] המות לנצח", וזה בא ע"י עצם הלוז שלמעלה מענין המיתה כנ"ל. היינו, שענינו של עצם זה הוא לא רק מה שהוא נשאר קיים, אלא שממנו צ"ל בנין כל הגוף כולו, שגם הגוף שהי' בו**

**גדר מיתה, יזדכך ויתתקן עד שיקום בתחיית המתים ויחי' בחיים נצחיים („בלע המות לנצח").**

**והכח לזה הוא ע"י שנהנה מסעודת מוצאי שבת, שגם בסעודה בזמן של חול ממשיכים ברכת השבת, מעין עוה"ב.**

## האם הגוף יהיה טמא

**מסכת נדה דף ע:**

ת"ר, שנים עשר דברים שאלו אנשי אלכסנדריא את רבי יהושע בן חיננא, ג' דברי חכמה, ג' דברי הגדה, ג' דברי בורות, ג' דברי דרך ארץ... שלשה דברי בורות: אשתו של לוט מהו שתטמא? אמר להם מת מטמא ואין נציב מלח מטמא! בן שונמית מהו שיטמא? אמר להן מת מטמא ואין חי מטמא! מתים לעתיד לבא צריכין הזאה שלישי ושביעי או אין צריכין? אמר להן לכשיחיו נחכם להן. איכא דאמרי, לכשיבא משה רבינו עמהם.

## גופו של מת אינו טמא לעצמו

**ילקוט שמעוני, רמז תשסא**

"הנוגע במת", נוגע במת טמא ואין מת עצמו טמא. "נוגע במת טמא", ואין בנה של שונמית טמא. אמרו, בנה של שונמית כשמת כל שהיה עמו בבית טמא שבעת ימים, וכשחיה היה טהור לקודש, חזרו ונגעו בו וטמאוהו הם.

## ביאור דברי הגמ' והילקוט

**לקו"ש ח"י ע' 244 ואילך**

**ח. „בן שונמית מהו שיטמא" — דאָ איז די שאלה נאָר מצד דעם ענין פון סילוק הנשמה: מצד הגוף איז דאָך דאָ שייך טומאה, ווייל ס'איז ניט „נתבלבלה צורתו" און ער איז אויך בגדר מיתה (ווי ער האָט זיי פריער געענטפערט); די שאלה איז אָבער, מצד סילוק החיות — צי די טומאה מצד דעם** פריערדיקן **סילוק איז בטל געוואָרן, וויבאַלד אַז ער האָט שוין צוריק דעם חיות און ער לעבט; אָדער די טומאה איז פאַרבליבן אויך שפּעטער טראָץ דעם וואָס ער איז ווידער אַ חי.**

**וביאור הדבר: אינעם אופן ווי אַזוי אלישע האָט מחי' געווען דעם בן**

השונמית, זאגט דער פסוק[46]: „ויעל וישכב על הילד וישם פיו על פיו ועיניו על עיניו וכפיו על כפיו ויגהר עליו ויחם בשר הילד .. ויזורר הנער עד שבע פעמים ויפקח הנער את עיניו", וואס פון דעם איז מוכח אז ניט זיין אייגענע חיות האט זיך אומגעקערט צום „ילד", נאר אלישע האט אים אריינגעגעבן א נייעם חיות[47] — פונעם חיות פון אלישע[48].

און דערמיט איז פארשטאנדיק פאר־וואס זיי האבן ניט געפרעגט וועגן בן הצרפית וואס אלי' הנביא האט מחי' געווען — ווארום דארטן האט דאך אלי' געבעטן[49] „תשב נא נפש הילד הזה על קרבו וישמע ה' בקול אלי' ותשב נפש הילד על קרבו ויחי": און וויבאלד עס האט זיך אומגעקערט „נפש הילד" איז דערמיט בטל געווארן דער פריער־דיקער סילוק הנשמה ובמילא איז מובן אז ער איז ניט מטמא[50].

ביי בנה של שונמית אבער, וויבאלד אז זיין נשמה האט זיך צו אים ניט אומגעקערט, און זי איז געבליבן בהסתלקות פון גוף — ווערט דא די שאלה „מהו שיטמא"[51]: צי דער גדר פון סילוק הנשמה איז חל אויף א גוף מיט א נייעם חיות[52], אדער ער ווערט דורך דעם בטל[53].

„אמר להם מת מטמא ואין חי מטמא" — כאטש אז זיין נשמה האט זיך צו אים ניט אומגעקערט: די אלע גדרים והסברות אין טומאת מת — סילוק הנשמה, גוף מת כו' — זיינען שייך נאר בשעת דער גוף איז „מת" בפועל; אויב אבער ער איז חי, כאטש אז פריער איז ער געווען א מת, איז ער ניט מטמא, ווייל חיות איז מבטל און מטהר[54] פון טומאת מת...

**ט. אויף דעם קען מען אבער פרעגן: זייענדיק א מת איז דאך דער זעלבער גוף געווען טמא — און נאך אלס אבי אבות הטומאה — טא ווי אזוי ווערט איצט פארשוואונדן די טומאה פון דעם גוף, ובל' הש"ס[55] „טומאה שבהן להיכן הלכה"?**

**נאר דאס ווערט פארשטאנדיק ע"פ המבואר אין ילקוט שם לעיל: „נוגע במת טמא ואין מת עצמו טמא", וואס דערפאר איז אויך בנה של שונמית טהור — ולא מצינו פלוגתא בזה (דריב"ח (וסברת אנשי אלכסנדריא)). און ס'איז ניטא קיין תמי' אין דעם, ווייל טומאה פון א מת איז א גזירת הכתוב. ווי ער זאגט אין פסיקתא[56] „לא המת מטמא ולא המים מטהרים אלא גזירתו של מלך מלכי המלכים הוא".**

**ועפ"ז איז מובן וואס די שאלה ביי בן השונמית איז געווען „מהו שיטמא" (א צווייטן), און ניט צי ער אליין איז טמא, און אזוי איז אויך דער לשון אין דער תשובה פון ריב"ח „מת מטמא ואין חי מטמא", היות אז די שקו"ט איז געווען צי עס לייגט זיך אויף בן השונמית דער דין פון טומאת מת צו מטמא זיין א צווייטן מצד גזירת הכתוב.**

**יוד. „מתים לעת"ל צריכין הזאה שלישי ושביעי או אין צריכין": דא איז ניט געווען די שאלה צי זיי זיינען מטמא א צווייטן בטומאת מת, היות ער האט זיי שוין געענטפערט „מת מטמא ואין חי**

**מטמא": נאכמער אפילו לויט די סברה אין זייער צווייטער שאלה (מצד א נשמה חדשה ביים בן השונמית) זיינען די מתים לעת"ל ניט טמא, ווארום דער אויבערשטער קערט דאך אום די זעלבע נשמה צום גוף (ווי די גמרא זאגט [57] „מביא נשמה וזורקה בגוף ודן אותם כאחד וכו'"), ובמילא איז בטל סילוק הנשמה הקודמת. די שאלה דא איז נאר געווען (ווי מפרשים זאגן [58]) צי זיי אליין זיינען טמא מצד טומאת מגע — אין זייער אייגענעם גוף, דהיינו די נגיעה פון גוף החי אין גוף המת בשעת התחי'. און די שאלה איז צי „צריכין הזאה שלישי ושביעי או אין צריכין": צי טומאת מגע מת איז נאר ווען א צווייטער האט אנגערירט א מת, משא"כ ווען נגע בעצמו; אדער טומאת מגע איז שייך אויך דאן ווען נגעו בעצמם[59]?**

**וי"ל אז דער ספק איז תלוי בהסברא ווי אזוי וועט זיין דער אופן התחי' [60]: א) צי עס וועט עפעס בלייבן אין גוף פון זיין ערשטער מציאות, נאר צו דעם וועט צוקומען תוספת והתחדשות אין בנין הגוף — וואס באופן זה איז פאראן די נגיעה אין א (חלק פון א) גוף מת און דערפאר וועלן די מתים לעת"ל דארפן האבן „הזאה"; ב) אדער תחיית המתים וועט זיין אין אן אופן פון התחדשות הגוף בכל הפרטים, עס וועט גארניט בלייבן פון גוף, ממציאותו הראשונה — און דעמאלט איז „אין צריכין הזאה", ווייל ס'איז ניטא קיין נגיעה אין א מציאות פון א מת וואס איז מטמא.**

**און דעריבער האבן זיי געפרעגט בלשון „צריכין הזאה . . או אין צריכין" (אן דער הקדמה פון „מהו"), צו מרמז זיין אז דאס איז ניט קיין ספק אין דין פון מגע בעצמו, נאר די שאלה איז אין א מציאות: צי די תחי' וועט זיין באופן וואס וועט מחייב זיין זיי הזאה אדער ניט...**

**און עפי"ז יובן וואס ריב"ח האט זיי געענטפערט: „לכשיחיו נחכם להן" — בשעת עס וועט זיין תחיית המתים דעמאלט וועט מען וויסן ווי דער אופן התחי' וועט זיין ובמילא וועט קלאר ווערן דער דין.**

## ע"י עסק התורה לא יצטרכו הזאה

**שם**

יז. והנה „כל ישראל יש להם חלק לעוה"ב" [94] — אלע וועלן אויפשטיין נשמות בגופים, אעפ"כ י"ל אז דורך עסק התורה בזמן הזה וועט מען ניט דארפן אנקומען צו הזאה לעת"ל, הגם אז ביי יעדן איינעם בלייבט דער עצם לוז — ווייל, ווי רז"ל זאגן [95], „כל המשתמש באור תורה אור תורה מחייהו" (אדער ווי דער לשון „טל תורה מחייהו" [96]), וואס בשעת די תחי' איז ע"י אור תורה וטל תורה [97], איז דאס גופא מטהר בשעת התחי' [98].

# שאלות

א. וואס זיינען די צוויי אופנים וואס תח"ה קען ווערען?

ב. וואו איז דער עצם לוז?

ג. פון וואס קריגט עצם לוז זיין חיות?

ד. פארוואס איז מלוה מלכה מרמז אויף דער תכלית פון דירה בתחתונים?

ה. וואס זיינען געווען די 3 שאלות פון אנשי אלכסנדריא?

ו. וואס זאגט דער ילקוט?

ז. וואס איז דער סברה פון די צווייטע שאלה?

ח. ע"פ הנ"ל וואס איז דער ילקוט מחדש?

ט. אין דער דריטע שאלה, פארוואס זאל דער גוף אליין זיין טמא?

י. אין וואס איז די דריטע שאלה תלוי?

יא. וואס וועט מאכען אז מען זאל נישט דארפן הזאה?